# שְׁלוֹשָׁה עָשָׂר
# עִיקָּרֵי אֱמוּנָה
# לְהָרַמְבָּם

# י״ג עִיקְּרֵי אֱמוּנָה

**א. אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גאַנְצֶע גְלייבּוּנג, **שֶׁהַבּוֹרֵא** – אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, **יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** – גיבֶּענְטְשְׁט איז זיין נָאמֶען, **הוּא בּוֹרֵא** – עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, **וּמַנְהִיג** – און פִירְט, **לְכָל הַבְּרוּאִים** – אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, **וְהוּא לְבַדּוֹ** – און עֶר אַליין, **עָשָׂה** – הָאט גֶעטוּהְן, **וְעוֹשֶׂה** – און עֶר טוּהְט, **וְיַעֲשֶׂה** – און עֶר וֶועט טוּהְען, **לְכָל הַמַּעֲשִׂים** – אַלֶעס וָואס עֶס טוּהְט זיך אויף דֶער וֶועלְט.

**ב. אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גַאנְצֶע גְלייבּוּנג, **שֶׁהַבּוֹרֵא** – אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, **יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** – גיבֶּענְטְשְׁט איז זיין נָאמֶען, **הוּא יָחִיד** – עֶר איז אַ איינְצִיגֶער, **וְאֵין יְחִידוּת כָּמוֹהוּ בְּשׁוּם פָּנִים** – און ס'איז נִישְׁט דָא קֵיין איינְצִיגְקֵייט אַזוי ווי עֶר בְּשׁוּם אוֹפֶן, **וְהוּא לְבַדּוֹ** – און עֶר אַליין, **אֱלֹקֵינוּ** – איז אוּנְזֶער גָאט, **הָיָה** – עֶר איז גֶעוֶוען, **הֹוֶה** – עֶר איז יֶעצְט, **וְיִהְיֶה** – און עֶר וֶועט זיין שְׁטֶענְדִיג.

**ג. אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גַאנְצֶע גְלייבּוּנג, **שֶׁהַבּוֹרֵא** – אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, **יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** – גיבֶּענְטְשְׁט איז זיין נָאמֶען, **אֵינוֹ גוּף** – איז נִישְׁט קֵיין גוּף, **וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף** – און ס'וֶועלְן אִים נִישְׁט דֶערְגְרֵייכְן די פַּאסירוּנְגֶען וָואס פַּאסִירְט מיט דֶעם גוּף, **וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל** – און ס'איז נִישְׁט דָא צוּ אִים קֵיין שׁוּם פַּאר גְלייכֶענִיש.

**ד. אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גַאנְצֶע גְלייבּוּנג, **שֶׁהַבּוֹרֵא** – אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, **יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** – גיבֶּענְטְשְׁט איז זיין נָאמֶען, **הוּא רִאשׁוֹן** – עֶר איז דֶער עֶרְשְׁטֶער פַאר אַלֶע, **וְהוּא אַחֲרוֹן** – און עֶר וֶועט זיין דֶער לֶעצְטֶער. (נָאךְ אַלֶע)

**ה. אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גַאנְצֶע גְלייבּוּנג, **שֶׁהַבּוֹרֵא** – אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, **יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** – גיבֶּענְטְשְׁט איז זיין נָאמֶען, **לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל** – נָאר פַאר אִים אַליין דַארְף מֶען מִתְפַּלֵל זיין, **וְאֵין לְזוּלָתוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל** – און פַאר קֵיין אַנְדֶערְן איז נִישְׁט ריכְטִיג צוּ מִתְפַּלֵל זיין.

**ו. אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גַאנְצֶע גְלייבּוּנג, **שֶׁכָּל דִּבְרֵי נְבִיאִים** – אַז די אַלֶע רֵייד פוּן די נְבִיאִים, **אֱמֶת** – זֶענֶען אֱמֶת.

**ז. אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גַאנְצֶע גְלייבּוּנג, **שֶׁנְּבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם** – אַז די נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, **הָיְתָה אֲמִתִּית** – איז גֶעוֶוען ריכְטִיג, **וְשֶׁהוּא הָיָה אָב לַנְּבִיאִים** – און עֶר איז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן די נְבִיאִים, **לַקּוֹדְמִים לְפָנָיו** – פַאר די וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אִים, **וְלַבָּאִים אַחֲרָיו** – און פַאר די וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אִים.

**ח. אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גַאנְצֶע גְלייבּוּנג, **שֶׁכָּל הַתּוֹרָה** – אַז די גַאנְצֶע תּוֹרָה, **הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ** – וָואס גֶעפִינְט זיך יֶעצְט בַּיי אוּנְזֶערֶע הֶענְט, סַיי די תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב און סַיי די תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, **הִיא הַנְּתוּנָה לְמֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם** – די תּוֹרָה איז גֶעגֶעבְן גֶעוָוארְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם.

ט. **אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גאַנצע גְלייבּינג, **שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת** – אַז די תּוֹרָה וֶועט נישט וֶוערן איבּער געבּיטן, **וְלֹא תְהֵא תּוֹרָה אַחֶרֶת** – און ס'וֶועט נישט זיין קיין אַנדערע תּוֹרָה, **מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** – פון דעם בּאַשעפער גיבּענטשט איז זיין נאָמען.

י. **אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גאַנצע גְלייבּינג, **שֶׁהַבּוֹרֵא** – אַז דער בּאַשעפער, **יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** – גיבּענטשט איז זיין נאָמען, **יוֹדֵעַ כָּל מַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם** – ער ווייסט אַלעס וואס די מענטשען טוהען, **וְכָל מַחְשְׁבוֹתָם** – און אַלעס וואס זיי טראַכטן, **שֶׁנֶּאֱמַר** – אַזוי ווי ס'שטייט אין פּסוק, **הַיּוֹצֵר יַחַד לִבָּם** – דער בּאַשאַפער ווייסט אין איין מאָל אַלעס וואס זיי טראַכטן, **הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם** – און ער פאַרשטייט אַלע זייערע מעשים.

י"א. **אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** – מיט אַ גאַנצע גְלייבּינג, **שֶׁהַבּוֹרֵא** – אַז דער בּאַשעפער, **יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** – גיבּענטשט איז זיין נאָמען, **גּוֹמֵל טוֹב לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו** – ער צאָלט גוטס פאַר די וואס היטען זייערע מצוות, **וּמַעֲנִישׁ לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו** – און ער שטראָפט די וואס זענען עובר אויף זייערע מצוות.

י"ב. **אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה** – מיט אַ גאַנצע גְלייבּינג, **בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ** – אַז משיח וועט קומען, **וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ** – און אפילו ער פאַרזאַמט זיך, **עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לוֹ** – פון דעסט וועגן וואַרט איך אויף אים, **בְּכָל יוֹם** – אַ יעדער טאָג, **שֶׁיָּבוֹא** – אַז ער זאָל קומען.

י"ג. **אֲנִי מַאֲמִין** – איך גְלייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה** – מיט אַ גאַנצע גְלייבּינג, **שֶׁתִּהְיֶה תְּחִיַּת הַמֵּתִים** – אַז די אַלע טויטע וועלן לעבעדיג ווערן, **בְּעֵת שֶׁיַּעֲלֶה רָצוֹן** – ווען ס'וועט זיין באַוויליגט, **מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** – פאַר דעם בּאַשעפער גיבּענטשט איז זיין נאָמען, **וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ** – און ס'זאָל דערהויבּען ווערן זיין גידענקעניש, **לָעַד** – אויף אייביג, **וּלְנֵצַח נְצָחִים** – און אויף אַ אייביגע אייביגקייט.

נאָר אֱמוּנָה נאָר אֱמוּנָה, אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.
נאָר אֱמוּנָה נאָר אֱמוּנָה, אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

טייערע יודען, הייליגע יודען, האָט'ס אֱמוּנָה האָט'ס אֱמוּנָה, אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.
וועט אייך גוט זיין, וועט אייך גוט זיין, היינט און אַלעמאָהל, אויף דער וועלט, און אויף יענע וועלט.

נאָר אֱמוּנָה נאָר אֱמוּנָה, אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.
נאָר אֱמוּנָה נאָר אֱמוּנָה, אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.